# שיקט דער האַר

# ווערסיע: סידאָר בעלאַרסקי

שיקט דער האַר
אַ פּויערל אין וואַלד (2 מאָל)
ער זאָל די באַרעלעך רײַסן (2 מאָל)

פּויער וויל נישט באַרעלעך רײַסן; באַרעלעך ווילן נישט פֿאַלן. (2 מאָל)

שיקט דער האַר
אַ הינטעלע אין וואַלד (2 מאָל)
עס זאָל דאָס פּויערל בײַסן (2 מאָל)

הינטעלע וויל נישט פּויערל בײַסן
פּויערל ...

שיקט דער האַר
אַ שטעקל אין וואַלד (2 מאָל)
עסל זאָל דאָס הינטעלע שמײַסן (2 מאָל)

שטעקעלע וויל נישט הינטעלע שמײַסן
הינטעלע ...

שיקט דער האַר
אַ פֿײַערל אין וואַלד (2 מאָל)
עס זאָל דאָס שטעקעלע ברענען (2 מאָל)

פֿײַערל וויל נישט שטעקעלע ברענען
שטעקעלע ...

שיקט דער האַר
אַ וואַסערל אין וואַלד (2 מאָל)
עס זאָל דאָס פֿײַערל לעשן (2 מאָל)

וואַסערל וויל נישט פֿײַערל לעשן
פֿײַערל ...

שיקט דער האַר
אַן אָקסעלע אין וואַלד (2 מאָל)
עס זאָל דאָס וואַסערל טרינקען (2 מאָל)

אָקסעלע וויל נישט וואַסערל טרינקען
וואַסערל ...

שיקט דער האַר
אַ שוחטל אין וואַלד (2 מאָל)
עס זאָל דאָס אָקסעלע שעכטן (2 מאָל)

שוחטל וויל נישט אָקסעלע שעכטן
אָקסעלע ...

שיקט דער האַר
דעם מלאך-המוות אין וואַלד (2 מאָל)
ער זאָל דאָס שוחטל שעכטן (2 מאָל)

מלאך-המוות וויל נישט שוחטל שעכטן
שוחטל ...

(פויזע)

קומט דער האַר
אַליין אין וואַלד (2 מאָל)
ער זאָל דעם מלאך-המוות שעכטן (2 מאָל)

מלאך-המוות וויל שוין שוחטל שעכטן
שוחטל וויל שוין אָקסעלע שעכטן
אָקסעלע וויל שוין וואַסערל טרינקען
וואַסערל וויל שוין פֿײַערל לעשן
פֿײַערל וויל שוין שטעקעלע ברענען
שטעקעלע וויל שוין הינטעלע שמײַסן
הינטעלע וויל שוין פויערל בײַסן
פויערל וויל שוין באַרעלעך רײַסן
באַרעלעך ווילן שוין פֿאַלן —
באַרעלעך ווילן שוין פֿאַלן.